בעזהשי"ת

# קונטרס

# א געשמאקער לעבן

ווי עס ווערט ערקלערט ווי אזוי יעדער אינגערמאן קען
האבן דעם גן עדן אויף דער וועלט און האבן א געשמאקן
לעבן אנגעפילט מיט אלעם גוטס.

פארגעלערנט דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש זי"ע

## אצל שבע ברכות לאחד מאנ"ש בישיבת תפארת
## התורה שלח תשע"ג

געבויעט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, אדונינו מורנו ורבנו

## רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש

## רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים
פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אַ גֶעשְׁמַאקֶער לֶעבְּן

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רסה): דִי נְשָׁמוֹת פוּן יֶעדְן פָּארְפָאלְק זֶענֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אֵיין נְשָׁמָה, נָאר וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרָאפּ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְן זֵיי צוּטֵיילְט, 'עֶר' קוּמְט אַרָאפּ פוּן אֵיין פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן 'זִי' פוּן אֵיין פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן יֶעצְט דַארְפְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק צַאמְקוּמֶען, אָבֶער בִּיז דָאס גֶעשֶׁעהְט גֵייט דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב ע"א): **קָשֶׁה זִיווּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף** – דִי שִׁידוּךְ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי 'קְרִיעַת יַם סוּף'. וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ קִטְרוּגִים

וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג און רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף יֶעדֶע שִׁידוּךְ, אָבֶּער אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט דִי שִׁידוּךְ, און דָאס פָּארְפָאלְק קוּמֶען זִיךְ צַאם, וֶוערְן זֵיי צוּרִיק אֵיין נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְדֶעם גֶעוֶוען אוֹיבְן אִין גַן-עֵדֶן.

דָאס זָאגְן מִיר (נוּסָח שֶׁבַע בְּרָכוֹת): **שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים** - חָתָן כַּלָה, וָואס אִיר זֶענְט וִוי צְוֵויי אֱמֶת'ע גוּטֶע חֲבֵרִים, זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק: **כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם** - פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַמָאל אִין גַן-עֵדֶן אֵיינְס, זָאלְט אִיר יֶעצְט וַוייטֶער זַיין אֵיינְס, און אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן און לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן[1].

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): **עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה זָאל עֶר אָפְּלָאזְן זַיין טַאטֶע

---

[1] און דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס יוּנְגֶעלַייט דַארְפְן דָאס גוּט וִויסְן, "אַ חַבֵר אִיז נָאר דִי וַוייבּ", און מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן.

און מַאמֶע און זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ זַיין וַוייבּ, און זֵיי זָאלְן וֶוערְן אֵיין פְלֵייש. לִכְאוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען דִי תּוֹרָה זָאגְן מֶען זָאל אָפְלָאזְן טַאטֶע און מַאמֶע, בִּשְׁעַת עֶס אִיז דָא אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אִין דִי תּוֹרָה פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם', וָואס דָאס אִיז דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוָה 'חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת' (דְבָרִים רַבָּה ו, ב), און דָאס גֵייט אָן אַגַאנְץ לֶעבְּן אֲפִילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ[2]?!

נָאר דִי כַּוָונָה פוּן דִי פָּסוּק אִיז, אַז וִויבַּאלְד דֶער שְׁטֵייגֶער בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק אַז עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע שְׁוֶועריִקַייטְן און אוּמְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישְׁן, וַוייל וִוי נִישְׁט וִוי קוּמֶען זֵיי דָאךְ פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, און אַמָאל קוּמְט מֶען אוֹיךְ פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע עֵדוֹת מִיט אַנְדֶערֶע מִנְהָגִים, אָדֶער צְוֵויי אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתֶ'ער וְכוּ',

2 נָאכְמֶער וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מוּנְקַאטְשֶׁער רָב [בַּעַל מִנְחַת אֶלְעָזָר] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דַּרְכֵי חַיִּים וְשָׁלוֹם, סִימָן שח): אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן, זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן בַּיים בֶּענְטְשְׁן: הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אֶת אָבִי מוֹרִי וְאֶת אִמִּי מוֹרָתִי וְכוּ'. וַוייל דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם גֵייט אָן סַיי וֶוען זֵיי לֶעבְּן און אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן (קִידוּשִׁין לא ע"ב).

מִמֵילָא קֶען זִיךְ מַאכְן אַ וִויכּוּחַ, און מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן צַדִיק וָואס זָאל זֵיי קֶענֶען צַאמְבְּרֶענְגֶען, און זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי דָאס צוּזַאמְלֶעבְּן גֵייט, אוּן אַז עֶס זָאל נָאר זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן פ): 'שָׁלוֹם' מֵיינְט וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קוּמֶען זִיךְ צַאם און לֶעבְּן מִיט פְרִידְן.

צוּם בַּיישְׁפִּיל: וֶוען פַייעֶר און וַואסֶער קוּמֶען זִיךְ צַאם וֶוערְט דִי הִימְל וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שָׁמַיִם' ['אֵשׁ וּמַיִם'], אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן אוֹיךְ (זֹהַר וַיִקְרָא, דַף יב ע״ב), אוֹיפְן פָּסוּק (אִיוֹב כה, ב): **עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שְׁטֶענְדִיג שָׁלוֹם אִין הִימְל; וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעמְט צַאם און מַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע מַלְאָכִים, אֵיינֶער אִיז פוּן פַייעֶר און אֵיינֶער פוּן וַואסֶער, און דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֶעלְט זֵיי צַאם; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִין אַ שְׁטוּבּ וֶוען אֵיינֶער אִיז 'חֶסֶד' - נָאר גֶעלַאסְן און גוּט; און אֵיינֶע אִיז 'גְבוּרָה' - שְׁטְרֶענְג און שַׁארְף; דָאךְ לֶעבְּט מֶען צוּזַאמֶען, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע 'דַעַת' (עַיֵין שַׁעַר

הַגִּלְגּוּלִים, הַקְדָמָה כח; עֵץ חַיִּים שַׁעַר כג, פֶּרֶק ח), און דָאס מֵיינְט **שָׁלוֹם.**

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דִי תּוֹרָה: "מֶען זָאל אָפְּלָאזְן טַאטֶע מַאמֶע, און זִיךְ בַּאהֶעפְטְן מִיט דִי וַוייבּ"; נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם מְקַיֵים זַיין **כִּיבּוּד אָב וָאֵם**, וַוייל פוּן אַ טַאטֶע מַאמֶע טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן, [פַארְקֶערְט עֶס אִיז אַ מִצְוָה אָנְצוּקָאלְן יֶעדְן טָאג דִי טַאטֶע און דִי מַאמֶע[3], און זֵיי פְרֶעגְן: וָואס מַאכְסְטוּ? אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט! און אַז מֶען וואוֹינְט נָאנְט און מֶען קֶען זֵיי גֵיין בַּאזוּכְן אִיז אַוַודַאי גוּט], נָאר דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן אִין יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם און שְׁוֶוערִיקֵייט וָואס עֶס מַאכְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג גֶעפְּלָאגְט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, ווִילַאנְג זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְלֶעבְּט און חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דֶעם

[3] יֶעדֶער הָאט הַיינְט אַ טֶעלֶעפָאוֹן צוּ רוּפְן, מֶען זֶעהְט אָבֶער אַז מִיט אַ חַבֵר קֶען מֶען פְּלַאפְּלֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת און רֶעדְן סְתַּם שְׁטוּתִים און נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר פוּן טַאטְן און מַאמֶען פַארְגֶעסְט מֶען!

קִינְד, ווִיפִיל נֶעכְט זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן בִּיז דִי דְרֵיי יָאר וֶוען מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשוֹירְן אוּן גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת, נָאכְדֶעם בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'בַּר מִצְוָה', סְפֶּעצְיֶעל בִּיז מֶען זֶעהְט שוֹין עֶנְדְלִיךְ אַ קִינְד אוּנְטֶערְן חוּפָּה גֵייט אַסַאךְ אִיבֶּער אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, דֶערְפַאר יֶעצְט ווִילְן שוֹין טַאטֶע מַאמֶע נָאר שֶׁעפְּן נַחַת, זֵיי ווִילְן הֶערְן פוּנֶעם פָּארְפָאלְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶעס אִיז פֵּיין אוּן וואוֹיל! אוּן אַלֶעס אִיז גוּט! אוּן עֶס קוּמְט זִיךְ זֵיי דָאס מִיט רֶעכְט - נָאךְ אַזוֹיפִיל פְּלָאג אִין לֶעבְּן, דֶערְפַאר דַארְף דָאס צוּזַאם-לֶעבְּן פוּן אַ פָּארְפָאלְק בְּלַייבְּן צְווִישְׁן זֵיי אַלֵיין, זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְגְלַייכְן, אוּן קֵיינֶעם פוּן אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דֶערִין, אַוַודַאי נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי אָנְמַאכְן אוּמְזִיסְטֶע צַעַר.

### ב.

חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, וַיִשְׁלַח י): פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט זִיצְט עֶר אוּן עֶר אִיז מְזַוֵּוג זִוּוּגִים, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז עוֹסֵק אִין שִׁידוּכִים, עֶר מַאכְט

לֵייטֶערְס, דֶעם מַאכְט עֶר קְלֵיין, אוּן דֶעם מַאכְט עֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וִוי מֶען טְרָאגְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אוֹיף אַ לֵייטֶער, אוּן אַזוֹי וֶוערְט שִׁידוּכִים.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: עֶס וֶוערְט אַמָאל אַ גַאנְצֶע מִלְחָמָה נָאר כְּדֵי אַז אַ חָתָן כַּלָה זָאלְן זִיךְ צַאמְטְרֶעפְן! וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוערְט אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, מֶענְטְשְׁן אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר הֵיים לַאנְד צוּ אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט אוּן צוּ אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי הָאט גֶעקֶענְט גֶעשֶׁעהְן אַ שִׁידוּךְ.

וֶועגְן דֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף וִויסְן – נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם זִיווּג – : דָאס אִיז מַיין רִיכְטִיגֶע אוּן פַּאסִיגֶער זִיווּג, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בַּאשֶׁערְט! מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זַיין צוּגֶעלָאזְן.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת וואוּ דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער בָּאבּוּבֶּער רָב [הרה"ק רֶבִּי שְׁלֹמֹה] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן וִוי בַּאקַאנְט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ לִיבְּלִיכֶער אוּן צוּגֶעלָאזֶענֶער מֶענְטְש[4], הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט 'מַזָל טוֹב' פַאר בֵּיידֶע מְחוּתֶּנֶת'טֶעס אוּן פַאר דִי כַּלָה! אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט, כְּדֵי מְחַיֶה צוּ זַיין אוּן דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

ג.

לִיבְּשַׁאפְט אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישׁ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): 'אַהֲבָה' בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל 'אֶחָד'; וַוייל אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט דֶעמָאלְטְס אִיז דָא דֶער 'אֶחָד' דֶער אֵיין

---

4 אוֹיף זַיין מַצֵיבָה שְׁטֵייט דֶעם לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט בַּיי שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ (מְלָכִים-א ה, כו): וַה' נָתַן חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה. אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט מְגַזֵם גֶעוֶוען מִיטְן שְׁרַייבְּן אוֹיף אִים דֶעם אוֹיסְדְרִיק.

אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער! אַז אַ אִיד הָאט לִיבּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶר אִיז מַכִּיר טוֹבָה אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דֶער שֶׁענְסְטֶער זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין.

אָבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן 'מַכִּיר טוֹבָה' צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס): אַז יֶעדְן טָאג פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי 'חָתָן כַּלָה' דֶערְמַאנְט, דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אוּן זֵיי הָאבְּן אַלְץ גֶעבֶּענְקְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶער בֶּענְקֶענִישׁ, אַז זֵיי ווִילְן זֶעהְן דֶעם בֶּעטְלֶער [דֶער צַדִיק] וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שַׁדְכָן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ דַארְף זִיךְ גְלַייךְ אָנְהֵייבְּן מִיט דִי מִדָה פוּן 'הַכָּרַת הַטוֹב', שְׁטֶענְדִיג נָאר דַאנְקְן, זָאגְן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, אַ גוּט וָוארְט, שְׁטֶענְדִיג זָאל אַלֶעס צוּגֵיין נָאר מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, דָאס

אִיז דֶער שְׁלִיסְל פוּן לֶעבְּן, בְּמֵילָא וֶועט מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם אִינְדְרוֹיסְן פַּאר אַנְדֶערֶע אוֹיךְ הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב.

ד.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (בַּמִּדְבָּר יג, ב): מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעשִׁיקְט מְרַגְלִים זֵיי זָאלְן גֵיין אוֹיסְקוּקְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאגְט רַשִׁ״י: **שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים:** לוֹיט דַיין ווילְן קֶענְסְטוּ שִׁיקְן, אָבֶּער אִיךְ הֵייס דִיךְ נִישְׁט. דָאס הֵייסְט רַשִׁ״י בַּאוָוארֶענְט גְלַייךְ, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט שִׁיקְן, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, וַוייל אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן אִים בַּאפַאלְן, אַז זֵיי ווִילְן זֶעהְן צוּ עֶס אִיז אַ גוּט לַאנְד, מִמֵילָא הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זִיךְ בַּארָאטְן מִיט דִי שְׁכִינָה אוּן גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אַז זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט, אוּן ווילְן דַוְקָא גֵיין זֶעהְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מַיינְס, אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶע לַאנְד, אוּן אַז זֵיי ווילְן נִישְׁט גְלֵייבְּן, דֶעמָאלְטְס שִׁיק מְרַגְלִים, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן שׁוֹין דוּרְכְדֶעם וֶוערְן פַארְנַארְט. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער גַאנְצֶער פְּגַם אִיז

גֶעקוּמֶען פוּן דִי אִידְן, [בִּפְרַט דוּרְךְ דִי 'עֵרֶב רַב' וָואס זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט אַ פִּיס אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דִי אִידְן], אָבֶּער נִישְׁט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אוּן מֶען הָאט טַאקֶע גֶעשִׁיקְט דִי מְרַגְלִים, אוּן עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען וָואס אִיז גֶעוֶוען.

וִוי אַזוֹי הָאט דָאס טַאקֶע גֶעקֶענְט פַּאסִירְן? זֵיי זֶענֶען דָאךְ אַלֶע גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן דִי הֶעכְסְטֶע פוּן דִי אִידְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, ג): **כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה**. אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דִי נְשִׂיאִים פוּן יֶעדְן שֵׁבֶט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם יג, ב): **כֹּל נָשִׂיא בָהֶם**. אוּן וִוי אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט?!

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַ מוֹרָא'דִיגְן טַעַם (שְׁלַח דַף קנח ע"א): זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז וֶוען מֶען וֶועט אַרַיין קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיי וֶוערְן אוֹיס נְשִׂיאִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן דִי אִידְן בְּלַייבְּן אִין מִדְבָּר, אוּן זֵיי וֶועלְן זַיין דִי נְשִׂיאִים.

מִיט דֶעם הָאב אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס דֶער תַּרְגּוּם יוֹנָתָן זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, טז): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן דִי 'עֲנָוָה' פוּן יְהוֹשֻׁעַ, הָאט עֶר אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן 'יְהוֹשֻׁעַ' אַנְשְׁטָאטְס 'הוֹשֵׁעַ'; אוּן אִים אָנְגֶעוִוינְטְשְׁן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אָפְּהִיטְן פוּן דִי עֵצָה פוּן דִי מְרַגְּלִים. וָואסְפַארַא שַׁיְיכוּת הָאט דָאס צוּגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען צוּ זַיין עֲנָוָה? נָאר מִיר גֶעפוּנֶען (בַּמִדְבָּר יא, כו-כח), אַז וֶוען אֶלְדָד וּמֵידָד הָאבְּן נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אִין דִי מַחֲנֶה, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵייט שְׁטַארְבְּן אוּן יְהוֹשֻׁעַ גֵייט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז יְהוֹשֻׁעַ גֶעלָאפְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים גֶעזָאגְט: וָואס טוּט מֶען דָא אַז זֵיי זָאגְן אַזַאלֶעכֶע נְבִיאוּת? אוּן עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן פַאר מֹשֶׁה אוּן גֶעזָאגְט: אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם! אִיז רַשִׁ"י מַסְבִּיר (שָׁם): מֶען זָאל אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף זֵיי צָרְכֵי צִיבּוּר, מִמֵילָא וֶועלְן זֵיי דָאס נִישְׁט קֶענֶען אִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן זֵיי וֶועלְן נִפְטָר וֶוערְן, אָדֶער אַז מֶען זָאל זֵיי אַיינְשְׁפָּארְן. הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גֶעזָאגְט (שָׁם שָׁם, כט): הַמְקַנֵּא אַתָּה לִי? דוּ נֶעמְסְט זִיךְ אָן פַאר מַיין כָּבוֹד? וּמִי יִתֵּן

כָּל עַם ה׳ נְבִיאִים; פוּן מַיין זַייט זָאלְן מִיר אַלֶע אִיבֶּערְנֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער זָאל זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מִיר[5].

דֶערְפַאר וִויבַּאלְד מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע עֲנָוָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, אוּן אַז עֶר וִויל נָאר אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ זָאל זַיין דֶער מַנְהִיג אוּן נִישְׁט עֶר, הָאט עֶר יֶעצְט מוֹרָא גֶעהַאט, אַז יְהוֹשֻׁעַ צוּלִיבּ זַיין עֲנָוָה, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן מַנְהִיג, אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס מֹשֶׁה וֶועט שְׁטַארְבְּן אוּן מֶען וֶועט אַרַיין קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס

---

5 חַזַ״ל זָאגְן (עַיֵין זֹהַר, יִתְרוֹ, דַף פו ע״ב): מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ לֶעכְט, וָואס מֶען קֶען אָנְצִינְדְן דֶערְפוּן וִויפִיל לֶעכְט מֶען וִויל נָאר, אוּן עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם לֶעכְט, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעקֶענְט אָנְצִינְדְן דִי לֶעכְט אוּן דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט אִידְן, אַז אַלֶע זָאלְן וֶוערְן גְרוֹיס, אוּן פוּן אִים וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן. אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אַגַאנְץ לֶעבְּן מִיט דִי זֶעלְבֶּע מַחְשָׁבָה: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין יֶעדְן אִיד אַז עֶר זָאל דִיךְ מַכִּיר זַיין אוּן קֶענֶען רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים אֶל פָּנִים, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף מִיר (בַּמִדְבָּר יב, ח): פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֵּר בּוֹ; דָאס וִויל אִיךְ אַז יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶער אִיד זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגָה. וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר יב, ג): וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכָּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה; אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר דָאךְ מוּזְן וֶוערְן מַנְהִיג, אוּן דָאס הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר מִיט שְׁטֵיין אוּן מַסְכִּים זַיין מִיט דִי מְרַגְלִים, אוּן אוֹיךְ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט וֶועגְן זֵייעֶר טַעַם, נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט וַוייל עֶר וִויל 'נִישְׁט' זַיין אַ מַנְהִיג, וֶועגְן דֶעם הָאט אִים משֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען מִיט דִי מְרַגְלִים[6], אוּן עֶר זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר וִויל אַז אִיךְ זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט.

[6] אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז אִים הָאט מֶען נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשׁ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קַיין 'חֶבְרוֹן' צוּ דִי הֵיילִיגֶע 'אָבוֹת', בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְלִים, [דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער מְקוֹר צוּ גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים], דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ פְּרֶעגְט (שְׁלַח דַף קנח ע"ב): וִוי אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי רִיזְן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען? נָאר זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ: מַאן דְאִיהִי בְּדוֹחְקָא לֹא מִסְתַּכְּלָא מִידֵי – וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה אוּן אַ עֶנְגֶענִישׁ קוּקְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא.

## ה.

וּרְאִיתֶם אֶת הָאָרֶץ מַה הִוא וְכוּ׳, הֶחָזָק הוּא הֲרָפֶה? הַמְעַט הוּא אִם רָב? וְכוּ׳, וּמָה הֶעָרִים אֲשֶׁר הוּא יוֹשֵׁב בָּהֵנָּה, הַבְּמַחֲנִים אִם בְּמִבְצָרִים? (בַּמִּדְבָּר יג, יח-יט) – מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהֵייסְן פַאר דִי מְרַגְּלִים זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיבּ דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט זֶענֶען שְׁטַארְק אָדֶער שְׁוַואךְ? אוּן וִוי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס וִויסְן, נָאר אוֹיבּ וואוֹינֶען זֵיי אָפֶען אָן קַיין מוֹיעֶר אַרוּם, אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אָבֶּער אוֹיבּ זֶענֶען זֵיי פַארְמַאכְט אוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען שְׁוַואךְ, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אַזוֹי מוֹרָא אוּן זֶענֶען פַארְמַאכְט.

דָאס קֶען מֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זָאגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה וואוּ דֶער חָתָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען, דִי יְשִׁיבָה אִיז אַ אָפֶּענֶער יְשִׁיבָה! אוּן וֶוער עֶס וִויל קֶען קוּמֶען קוּקְן וָואס מֶען לֶערְנְט דָא, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ דָא, אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ גֶעוֶוענְטְלִיכֶע יְשִׁיבָה וואוּ עֶס אִיז דָא אַ רֵייעֶ מִיט מַשְׁגִּיחִים, מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צוֹימֶען וָואס מֶען צוֹימְט אַיין

דִי בָּחוּרִים, צוּ זַיין פַארְמַאכְט כְּדֵי קֵיינֶער פוּנְדְרוֹיסְן זָאל נִישְׁט אַזוֹי לַייכְט קֶענֶען צוּקוּמֶען, אַלְץ מוֹרָא טָאמֶער וֶועט דֶער בָּחוּר אַנְטְלוֹיפְן אוּן עֶר וֶועט קַאלְיֶע וֶוערְן, וָואס דָאס וַוייזְט שׁוֹין אוֹיף שְׁוַואכְקֵייט, אָבֶער דָא אִין יְשִׁיבָה אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָפֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט הֶערְן וָואס יֶענֶער זָאגְט, נָאר מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְן טָאג אַרַיינְקוּמֶען, אוּן זֶעהְן מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, אוּן זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצַייגְן וִוי אַזוֹי דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, וָואס דָאס וַוייזְט אַז מֶען גֵייט אוֹיף אַ גוּטֶער וֶועג, אוּן אַוַודַאי אַז מֶען טְרֶעט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רסד; שצב): אִיךְ פִּיר עֶנְק אוֹיף אַ נַייעֶ וֶועג אִינְגַאנְצְן, דָאךְ אִיז דָאס גָאר אַן אַלְטְן וֶועג, דִי וֶועג וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ אוּן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבְּן גֶעהַאט נָאךְ אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי נָתָן[7], וָואס עֶר אִיז – אַנְדֶערְשׁ פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער – גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע מִתְנַגֵד אוֹיף חֲסִידִים, פַּאסִירְט אֵיינְמָאל שׁוֹין נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבֶּעךְ זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אַזוֹי וַוייט אַז דִי חֶבְרָה קַדִישָׁא הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן מֶען אִיז אִים דַן בַּיים בֵּית-דִין שֶׁל מַעְלָה, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא מִיטְן סֵפֶר נוֹעַם אֶלִימֶלֶךְ[8] אוּנְטֶערְן אָרֶעם, אוּן עֶר מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אַז מֶען זָאל אִים אָפְּלָאזְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: וָואס הָאט אוּנְזֶער

---

[7] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן רָב אִין שְׁטָאט יַאס.

[8] ווִי בַּאוִויסְט הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אַ נָאמֶען גֶעבְּן זַיין סֵפֶר נוֹעַם אֶלִימֶלֶךְ, מְרַמֵז זַיין מִיט דֶעם: נוֹעַם – ׳זִיס׳, נָאךְ זַיין הֵיילִיגְן בְּרוּדֶער ׳זוּסְיָא׳, אֶלִימֶלֶךְ נָאךְ זִיךְ.

בְּרוּדֶער שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן?! און אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ כַאפְּן און זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן.

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער בְּרוּדֶער 'רֶבִּי זוּשָׁא' שְׁטֵייט בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, און הַאלְט אוּנְטֶערְן אָרֶעם דֶעם סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, און עֶר אִיז מְלַמֵד זְכוּת אוֹיף אִים, און דָאס הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן, יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶעהְן דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און דָאס הָאט אִים אַזוֹי בַּארִירְט, אַז פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּם 'דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת'[9]; מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעלֵייגְט אִינֶעם

[9] עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב און דֶער הֵיילִיגֶער גָארְלִיצֶער רָב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, און אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס מַאכְט מַיין יְחֶזְקֵאלֶ'ע מַיין בָּרוּכְ'ל? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי לֶערְנֶען בָּרוּךְ הַשֵׁם פֵיין! פְרֶעגְט עֶר וַוייטֶער: דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי מוּסָר? זָאגְט עֶר: יָא, אִיךְ לֶערְן מִיט זֵיי 'חוֹבַת הַלְבָבוֹת'! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: נִישְׁט דָאס זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי, אִיךְ וויל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ און הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא! דָאס מֵיינְט לֶערְנֶען מוּסָר! וַוייל וֶוען מֶען

זֶעלְבְּן אֹהֶל [אָבֶּער נִישְׁט אִינֶעוֵוייניגְן נָאר אִינֶעם פָּאר־צִימֶער] פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

און אוֹיפְן הֵיילִיגְן פְּלַאץ וואו דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז בַּאעֶרְדִיגְט גֶעוָוארְן, אִיז בַּאוואוּסְט דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה: וִוי בַּאקַאנְט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גֶעטְרַייעֶר תַּלְמִיד און מְשַׁמֶשׁ דֶער הֵיילִיגֶער קְלוֹנִימוּס קַלְמָן [בַּעַל 'מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ'] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן מִיט אַ לִיבְּלִיךְ לָשׁוֹן קַלְמִישׁ.

פַּאסִירְט אַמָאל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זָאגְט אִים: קַלְמִישׁ מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן אוֹיף הַיינְט נַאכְט! אָנְפַאנְג נַאכְט זָאגְט עֶר אִים: גְרֵייט זִיךְ גוּט צוּ אוֹיף חֲצוֹת! פַאר חֲצוֹת זָאגְט עֶר אִים: קוּם מִיט מִיר אַרוֹיס. און עֶר אִיז אַרוֹיס מִיט אִים אוֹיף דִי בֶּערְג אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, בִּיז זֵיי

---

פַארְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים צִיהְט דָאס דִי הַארְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער און עֶס וֶוערְט נִתְעוֹרֵר בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמח).

זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסְן פְּלַאץ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, אוּן זָאגְט אִים: קַלְמִישׁ כַאפּ דִיךְ שְׁנֶעל אָן אִין מַיין גַארְטְל! פְּלוּצְלִינְג זֶעהְן זֵיי, וִוי עֶס עֶפֶענְט זִיךְ דֶער הִימְל אוּן אַ פַייעֶר קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶס צוּשְׁפְּלִיטֶערְט זִיךְ אוֹיף זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט שְׁפְּלִיטֶערְן, אוּן צוּשְׁפְּרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶער פֶעלְד, דֶער הֵיילִיגֶער 'מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ' אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעצִיטֶערְט, דֶערְנָאךְ אִיז דִי פַייעֶר נֶעלָם גֶעוָוארְן אוּן פַארְשְׁלִינְגֶען גֶעוָוארְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ: בְּרֶענְג מִיר פִיר שְׁטֶעקֶלֶעךְ! אוּן עֶר הָאט עֶס אַריינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין דֶער עֶרְד אוֹיף יֶענֶעם פְּלַאץ אַזוֹי וִוי דִי אוֹיסְשְׁטֶעל פוּן אַ קֶבֶר, אוּן עֶר זָאגְט אִים: קַלְמִישׁ, דָא וִויל אִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מִיר בַּאהַאלְטְן נָאךְ מַיין פְּטִירָה!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט אַז דִי פַייעֶר אִיז גֶעוֶוען דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם 'אוֹר שִׁבְעַת הַיָמִים' דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב, וָואס עֶר אִיז דִי רֶבִּי פוּן אַלֶע

רֶבִּי׳ס און פון גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט צוּ מְקַרֵב זַיין כְּלַל יִשְׂרָאֵל צום בַּאשֶׁעפֶער.

און אוֹיף דֶעם פְּלַאץ הָאט מֶען טַאקֶע בַּאהַאלְטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען דָארְט גֶעבּוֹיעֶט אַ אֹהֶל, און אִינֶעם פָּאדֶערְשְׁטְן שְׁטוּבּ פוּנֶעם אֹהֶל לִיגְט דֶער בְּרוּדֶער הרה״ק רֶבִּי נָתָן, און זַיינֶע זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר[10], און רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר לִיפְּמַאן[11], און נָאךְ צְוֵויי דְרֵיי אֵיינִיקְלֶעךְ.

---

[10] עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי תּוֹרוֹת פוּן זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין ׳נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ׳, זַיין סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז גְלַייךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם טַאטְן שַׁבָּת, אֵיינְמָאל קוּמְט אַרַיין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין דֶעם שְׁטוּבּ, און עֶר זֶעהְט דֶעם גֶעשְׁרִיבֶּענֶעם כְּתַב יַד פוּן דִי תּוֹרָה, פְרֶעגְט עֶר אִים: לֵייזֶר [בִּלְשׁוֹן חִיבָּה] וֶוער הָאט דָאס גֶעזָאגְט? זָאגְט עֶר: טַאטֶע דוּ הָאסְט דָאס גֶעזָאגְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת! זָאגְט עֶר אִים צוּרִיק מִיט ווָאוּנְדֶער: אַ ׳יְלוּד אִשָּׁה׳ קֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן גָארְנִישְׁט. וֶוען מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֶלְעָזָר צוּ זַיין טַאטֶע הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: צְוֵויי און צְוָואנְצִיג יָאר הָאט דִי טַאטֶע גֶעזָאגְט יֶעדֶע וָואךְ צַוָואָה! וַוייל דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט יֶעדְן שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ ׳צַוָואַת שְׁכִיב מְרַע׳.

[11] עֶר הָאט גֶעהֵייסְן נָאכְן פָּאטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זֶעהְן מִיר פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אַז כָאטְשִׁיג נִישְׁט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט גְלַייךְ דַיין וֶועג, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער אִיז מַסְכִּים אִין אָנְפַאנְג מִיט דֶעם, אָבֶער אוֹיב אִיז מֶען שְׁטַארְק אוּן מֶען הָאט אַ גוּטְן 'רָצוֹן', קֶען מֶען שְׁטַייגְן אוּן זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

ו.

חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא דַף עב ע"ב; מְנָחוֹת ק"י ע"א): **לוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה** - אַז מֶען וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ זָאל מֶען קוֹדֶם חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דַאן לֶערְנֶען תּוֹרָה. אָבֶער פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיוּת אַז מֶען וִויל זַיין אַן עֶלֶעקְטְרִישָׁאן, אַ סְטָאלֶער, אַ פֶּעינְטֶער אוּן דָאס גְלַייכְן, דַארְף מֶען זִיךְ פַארְדֶעם אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם פַאךְ, אוּן זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דֶעם, נָאכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ תְּעוּדָה [דִיפְּלָאמֶע], אַז מֶען אִיז דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם פַאךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בְּרוּחֲנִיוּת, אַז אַ בָּחוּר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ

לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין יְשִׁיבָה[12], און עֶר הָאט שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶועןדֶעם גוּטְן טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּיז עֶר וִויל שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה קֶען עֶר שׁוֹין הֶערְשְׁט לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל אַז עֶר הָאט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ וַוייבּ, און עֶר פִירְט זִיךְ לוֹיט דִי תּוֹרָה, מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט און הַכָּרַת הַטּוֹב, וֶועט דִי וַוייבּ אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְן לֶערְנֶען, אַדְרַבָּה זִי וֶועט אִים נָאךְ דֶערְמַאנֶען: ״דוּ הָאסְט נָאךְ הַיינְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דִי חוּמָשׁ

[12] אַוַודַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל צוּטְרֶעפְן אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה, און אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה הֵייסְט דָארְט וִוי מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין מַשְׁגִיחַ, גֶעוֶוענְטְלִיךְ אִין אַ יְשִׁיבָה וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מַשְׁגִיחַ, וֶועט אִיר זֶעהְן אַ לָאךְ אִין וַואנְט, דִי סִינְקְס זֶענֶען אוֹיסְגֶערִיסְן, דִי טוֹילֶעט אִיז צוּקְנַאקְט, דִי וֶוענְט אָנְגֶע׳חַזֶר׳ט, אָבֶּער דָא אִין יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁטָא קַיין מַשְׁגִיחַ, דָאךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶעכֶער אִין דִי וֶוענְט וְכוּ׳, פַּארְקֶערְט דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גָאר גֶעהָאלְפְן דָאס אוֹיפְבּוֹיעֶן, וַוייל דִי מַשְׁגִיחַ אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ט): מַשְׁגִּיחַ מִן הַחַלּוֹנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים. און תּוֹרָה לֶערְנְט מֶען וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן וְכוּ׳.

מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא, אַזוֹי וִוי דוּ לֶערְנְסְט דָאס יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג״!

ז.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אֶפְרָיִמְ׳ל מִפְּשֶׁעדְבּוֹרְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט עֶר מְדַיֵּיק גֶעוֶוען (מוּבָא בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת פ׳ שְׁלַח): מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט דָאךְ אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי מְרַגְלִים אַז זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגְן פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, כ): וְהִתְחַזַקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ. און אַלֶע אַנְדֶערֶע מְרַגְלִים הָאבְּן טַאקֶע גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי פֵּירוֹת אוֹיסֶער יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב, וִוי אַזוֹי הָאבְּן זֵיי עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי בַּאפֶעל פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?! עֶנְטְפֶערְט עֶר: זֵיי הָאבְּן גֶעפָאלְגְט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי נְקוּדָה פוּן ׳וְהִתְחַזַקְתֶּם׳ וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ גְלֵייבְּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, און נִישְׁט זִיךְ מְחַבֵּר צוּ זַיין מִיט רְשָׁעִים, וָואס קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ חָלִילָה; וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, זִיךְ צוּ

הַאלְטְן שְׁטַארְק, און צוּ וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן צַדִיק וָואס בְּרֶענְגְט דִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נִישְׁט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן מִיט רְשָׁעִים וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם רֶבִּי׳ן וָואס הָאט זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שִׂמְחָה בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא פ״ו ע״ב): תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז צוּלִיבּ אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז פוּן דִי שְׁטוּבּ אַלֵיין זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַזַא מִין לֶעכְטִיגְקֵייט אַז עֶס זָאל שׁוֹין לֶעכְטִיג וֶוערְן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּם גוֹאֵל צֶדֶק, און צוּ דֶעם בִּנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

## קרית ברסלב בלומל




יעדן וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.6250